קליינע ביבליאָטעק „ליריק".

נ. אויסלענדער

# פּראנט



126

קיעוו—1921.

קליינע ביבליאָטעק „ליריק“.

נ. אויסלענדער

# פראנט

מלוכע-פארלאג, יידסעקציע
קיעוו — 1921

PRINTED in U.S.S.R

צוגעגרייט
דורך
„קולטור־ליגע"

4־טע אינטערנאַציאָנאַלע מלוכע־דרוקעריי, קרעשטשאַטיק 42.
באשט. 4/2929—331—5000 עקז. (ע. מ. צ. קיעוו)

און איך בין דערביי,
ווען איבער מיר,
העכער מיר,
געהילטע אין מאַנטלען פון בלאַנקע מינוטן,
מיינע פערזן
זיך העפטן,
זיך רייען
און שרעגען אין בלענדנדער ווייס גאַלאָפּירן...

און איך בין דערביי,
ווען העלע מי,
גרויסע מי,
צעהאַנגען אף טויזנטער מענשלאכע אקסלען,
באַטעמט מיך,
בלעטערט מיך,
צעחיגט אין מיר
טויזנטער, טויזנטער כוואַליעס פון מי...

און איך בין דערבײַ,
װען אײַער טראָט,
מײַנע טריט,
צעשאָטן װי גאָלדיקע, לױכטנדע אותיות,
פאַרקריצן,
פאַרדױען,
אונז אלע פאַראײביקן,
אונז—אין די דורות די אײביקע, אײביקע שריפֿט...

# קריגס־געטראַנק.

# פ ר אָ נ ט.

אויסגעשליינגלט צווישן מאַכנעס צוויי,
און שטייף זיין לייבס געדריי,
און דראָט־באַוואַקסן, און ער גלאַנצט...
אין טויבע נעכט ער טאַנצט...
באַפאַלט אין אַ טראַנשיי אַ גראָ־ווערנדן פויער,
אַ האַרץ פאַרביינקטס נאָך דאַך, נאָך טויער,
נאָך שטילער קו,
נאָך שטאַלן־רו,
באַגאַלט אים פראָנט, בייסט אָן זיין עלנד,
און אַזוי טיף זיך איינגעביסן,
מיט ווילדע ריסן,
מיט ווילדע גיינג
טאַנצט אין זיין גרויסער, דראָט־באַוואַקסענער לייבג..
אָ, שלאַנגען־טאַנץ מיט ביס און עלנד...
אָ, עלנד־טאַנץ אין נאַכטן־שלייער...

...נאָר מיר—מיר זיינען אַלט-אָרמייער...
ווען ס׳שאָרכן פון דעם פראָנט מיר הערן,
ווען ביסן פון זיין גיפט זיך מערן,
און כ׳הער מיין שאָכן קריצט פון שלאָף שוין מיט די ציין,
גיי איך אַרויס אַליין,
צו אים, צום פראָנט אין נאַכט-באַדעק,
מיין האַנט באַוואָפנטע איך שטרעק
און שיס...
ווערט אין טראַנשיי אַ ליאַרם, ווערט געפּילדער,
מיין שיסעריי ווערט ווילדער,
און אויס פון פראָנט דאָס טאַנצן,
און אַפּ פון זיין לייב ס׳גלאַנצן
אין נאַכטישן, אין גרויען שלייער...
מיר זיינען לאַנג שוין, לאַנג אָרמייער...

*

אין נאַכט, ווען טויזנטער קלאַווירן
צעעפנען זיך אין הימל-רוים,
געדיינק איך: טויזנט שוואַרצע טירן
האָט וואַלד דאָ צווישן בוים און בוים...

גיסט איבער וועלטן-ראַנד דאָס שאַלן,
גיסט איבער הערצנס-ראַנד די נאַכט—
היי, קאָפּ, ניט אײַנדרימלען, היי, קאָפּ, קאָנסט פֿאַלן!
בײַ טויזנט טויט-טירן האַלסט וואַכט.

## מיין פיינט.

און לייבער-וואָרעמקייט פון מענטשן-ווימל,
און אַטעם קלעפּיקער פון קויטן-פּיין
אונז זאָגן, אַז ס'איז איינג מיט דיר אונז זיין
דאָ אויף אַיין ערד, אונטער איין הימל...
דאָ מיט דיר אין איין נאַכט פאַרבלייבן,
ווען אַלע רעגעס טרייבן,
יאָגן
פון וועלט דיין רו מיט זעט געשטאָפּטן...
אָ, וויפיל הענט, אָ, וויפיל הענט אַראָפּטאָן
דיין רוען אין די נעכט צעשלאָגן...
און אין די טעג מיט דיר אינאיינעם
געהערן איין וואָלקענדל אַזוינעם,
וואָס ט'באַלד, אָט באַלד מיט גינגאָלד טריפן,
און מיט דיר, אומריינעם, אין רוים זיך שיפן
ביז לויטערן, ביז ערשטן שטערן-פּעמל...
אָ, איינג איז אונז מיט דיר אין איין געזועמל
גיין אונטער זון באַהעלט...
פיינט,
פאַרלאָז די וועלט!..

*

אַ קריגס-געטראַנק דיין טרויער איז, מיין פריינט,
און האָט מיך אויך פאַרשיקערט היינט,
און אויך כ'גיי אום, נישט ווייס, פון וואַנען
קומט עמעץ אַן מיין נאָמען צו דערמאַנען,
קומט אָן און ליב צו לייב מיר טוליעט,
און רוימט: — מיר האָבן אונזער וועלט פאַרהוליעט...

אַ קריגס-געטראַנק איז אונזער טרויער, פריינט,
און גיי און זע, ווער זופט אים ניט דאָ היינט,
און גיי צו די, וואָס האַלטן וואכט באַם עק טראַנשיי
און פרעג, און הערן וועסט פון זיי:
עס האָט די נאַכט פון בארג אַ שאָס
געטאָן זיך אין דער לופט אַ גאָס,
און ט'זיך פאַרגאָסן אין נאַכט אַרייַן,
ווי אַ גרויסער, ריזן-בעכער וויין...

האָט גאָר די נאַכט דער שאָס פארגאָסן,
ווי שוואַרצער ווײַן אין נאַכט צעפלאָסן,
און איך, און דו, מיר אַלע, פרײַנט,
מיר זײַנען שיקער פון אים הײַנט,
און שיקער לײַב צו לײַב מיר טוליען,
און ווען אינזערס אַלץ פאַרהוליען, אַלץ פאַרהוליען...

# אַרכאַנגעלסק.

*

מיט איין אַ מענש,
אַ יונגע בלאַט
אַף מענשן-בוים,
ווי איך,
האָב איך געקרייזט
אַ שוואַלבן-וועג
אין ווינט געיעג
פון ווילד-פאַרכאַנגעלסקדיקן
פראָנט.

אונז קאָן די הויך
פון בערגלאַנד דאַרט,
אונז קאָן די טיף
פון אַלעס איינשלינגענדן
זומפּ,
און עס געדיינקט נאָך דאַרט אַ סלופּ
דורך רויש פון דראַט,

דורך ליאַרם פון ווינטן
אַ רוף אין טומל ערגעץ אונטן,
אַ רוף פון בלאָט צו בלאָט:
Братишка—брат!...

און יעפּצע-טייך געדיינקט:
מיר צוויי געשטאַלטן
באַם אויפרייס-שנור געהאַלטן,
באַ עקן פון דעם ברוק צעשטעלט
און האַנט צו דינאַמיט באַגעלט...
און ריס,
און בראָך,
און פאַלן...
און איבער אַלעס, אַלעס
פון מיט געריסן זיין אַ רוף,
פון מיט געשליידערט זיין אַ גרוס,
אַ גרוס פון ווינט-פאַרדרייטן בלאָט צו בלאָט:
— Братишка—брат!...

און נאָך... און נאָך...
אין בלויער הויך

שראַפּנעלן-רויך
צעשאָטן...
אַ רויכ׳ל דאָ,
אַ רויכ׳ל דאָרט,
און רויך מיט רויך
אַ טויטן-נעץ
אָף בלויער הימל-מיט —
און דארט מיין ברודער פליט!...
אָ, וויכער פון דער העכסטער הויך,
אָ, ווינט פון לעצטן הימל-רוים,
באַשיץ, ווי דו, אַ טרוים,
באַשיץ, ווי דו, דאָרטן אַ וויכער —
פון ערד, וואו איך שטיי זיכער,
דערטראָג אַהין מיין שטימסגעוויטער,
מיין אופגעדונערט שאַלן,
מיין רוף צו ווינט-פאַרדרייטן בלאַט:
— Братишка—брат!...

*

מיר—אַכצנטע דיוויזיע,
מיר— אַכצן מאָל די אַכצנטע אין וועלט,
מיר האָבן אופגעשטעלט
דעם פלאַקער פון אונזער העלער לייך
אַף ווילד-ארכאנגעלסקדיקער ברייט...
האָבן אונז טעג געדרייט,
געדרייט
אַף זומפּן-נעץ אָן עק,
אָן שטעג,
אָן וועג...
און נעכט באַגלייט האָבן מיט וואַכן,
מיט שפּירן פון גיענען
פון אונזערן אַ פלעמל דאָס דערברענען,
פון אונזער איינעמס אויג-פאַרמאַכן...
אוי, דאַרשט נאָך מענשן-בלוט אַ נאכט,
אוי, רופט זי נאָך אַ מענש פאַרשמאַכט...

גרייט שטערן-לעקערס אויסצושטרעקן,
גרייט ס'מענשן-בלוט פון זומפּ צו לעקן...
און האָבן מיר געגרייצט קאַנאָנען-שיסן,
און איינס נאָך איינס צו דריי צאָל אויסגעביסן
פון נאכטנס מויל צוריק
דריי צאָל די גרויס פון לעבן נאָך אַ שטיק...
האָט פון אונז הוילער ווידערקאָל געלאכט,
און נאַכט-גיענע האָט אַפּסניי געוואכט...

און נאָכדעם האָט געשנייט, געשנייט...
האָט אונזער צוואנציקסטויזנטיקעס לייב געווייט,
געבעטן רו,
גערופן:—וואו, אָ, וואו
איז, שניי, דיין שטילע היים?
ביז וואנען גיין?...
האָט שניי מעסלעסנווייז געשאטן,
האָט וויכער אונז געטראטן,
פארשטאפּט די ווייט,
פאַרמישט, פארבלעטערט אונז די צייט...
און צוואנציקטויזנטיקע לייד אַף איינעם
האָט געררוט

און צוואנציקטויזנטיקע לייד האָט איינעם
פאַרשיקערט ס׳בלוט,
פאַרקלונגען גלעקערדיק די זינען,
און ווילד פאַריאָגט אין וואלד, אין וואלד רו צו
געפינען...
און איינער האָט געפילט אָף וויעס
אַזאַ לייכט-פרילינגדיקס, אַזאַ שטיל-בלויס,
און איינער ט׳שוין געזען מיט מי עס,
און שוין פון טראָט שיר נים אַרויס...
אָ, שנייענדער אָף אונזערע וועגן,
אָ, הוילנדיקער וואלקן-צייל,
ווי לאנג, ווי לאנג וועט שטרעק נאָך מאָנען,
ווי לאנג וועט שווערדיש בלאנקען ווייטע מייל...

*

דריי וואכן-לאנג ביי יעמצע-טייך מיר גראבן
און שטייניק איז דער גרונט פון ברעג...
צעווארפענע פעלזען-שטיקער שטיין, ווי ראבן,
און מיר—מיר גראָבן,
און זיי—זיי ציילן אונז די טעג..

דריי וואכנלאנג פאר יעמצע-טייך מיר שעלטן
איר בלוי-געבענשטעס וואסער-לייב...
מיר זוכן, נישטערן דעם פיינט פארשטעלטן,
מיר רייסן שאסענווייס איר לייב צעהעלטן,
און זי טרייבט, לויכטנדיק, איר כוואליע-טרייב..

דריי וואכן-לאַנג, ווי שוואַרצע ראָבן,
ביי יעמצע-טייך מיר גראָבן אין שטיין...
— ווער ביסטו, יעמצע?... ווּעמען דיינע גאָבן?...
מיר וועלן דיך שטראַלענדיקערהייד באַגראָבן,
מירן זיך און דיך באַגראָבן אין שטיין...

*

אזאַ איינער,
אזאָ איינער,
ער האָט געהייסן מאָנדעלשטאָם..
קרענץ פון שניי נאָר,
קרענץ פון שניי נאָר
בליען באָם ברעג פון ווייסן יאָם...

צײַט צו שיטן,
צײַט צו שיטן
די ערשטע ערד אָף מענשן-לײַב...
ווער בלייבט היטן,
ווער בלייבט היטן,
די גרוב אין ווילדן שניי-געטרייב?..

שטייען מיר אַלע,
שרײַען אָלע:

—היי, אַרכאַנגעלסקדיקע ערד,
ער איז געפֿאַלן,
בא דיר געפֿאַלן,
היט אָפּ אים—דיר ר'געהערט...

באַפֿאַלן שנייען,
באַדעקן שנייען,
דאָס פֿרישע, פֿרישע בערגל רויב...
און מיר—מיר גייען,
מיר ווייטער גייען:
אַרכאַנגעלסקדיקע ערד ז'באַגלויבט!..

# האָרן־שאַל.

# האָרניסט

פון אַרכאַנגעלסק אַף וואַרשאַ, אַף וואַרשאַ, אַף וואַרשאַ..
מיט פלאַטערנדע ווײלן,
מיט רעגעס, וואָס אײלן
צו העלער געפּאַר-שא
אַף וואַרשאַ... אַף וואַרשאַ...
מיט אַלץ וואָס איז טײער:
מיט שנײלאַנדס באַגלײטן,
מיט נעכטן פאַרשנײטן
אין וועלדער פאַרלאָזן,
מיט האַרצן, וואָס מעסט ניט
און גאָרניט פאַרגעסט ניט—
מיט אַלץ, וואָס פאַראַנען
אַף וועגן, אַף באַנען,
נאָך פלאַטערנדע ווײלן,
נאָך רעגעס, וואָס אײלן
צו העלער געפּאַר-שאַ:
אַף וואַרשאַ... אַף וואַרשאַ...

## אין וועג.

לאַנד, לאַנד, לאַנד אין פרילינג,
לאַנד מיט פריער זון...
איבֿער דיַינע העלע גרינסן
נאָך אַ יאָג צו טאָן...

אין פאַרבֿלויטע דיַינע כאָלעלס
נאָך אַ פלאַטער טאָן...
לאַנד, לאַנד, לאַנד אין פרילינג,
געבֿ אונז מיט דיַין זון!..

*

מיר פאָרן אין צוגן
און ליאַרעמען לידער,
און שליידערן שטימען
אַף רוסלענדער טאל...
און מוידן מיר רימען,
און וואויל-יונג זײַן שווערן,
און רעדער פארהערן
די ליד און דאָס קאָל...

און שטרעקעס מיר מיידן,
און וויטן פארגייען,
שוין וועג אָנגעוויקלט:
א קנויל אף א ראָד...
אָ, רוסלאנד, דו סט'לײדן
די שליידער-געשרייען—
ס'איז שוין אָנגעוויקלט
אף הארץ א קנויל-סאָד...

*

זאָג, פרײַנט: מײַנע אויגן,
אין מיטן שלאכט אויגן,
וואָס זאָגן, וואָס זאָגן די צוויי?..

זאָג, פרײַנט: מײַנע ליפּן,
אין מיטן שלאכט ליפּן,
וואָס האָבן אַ שאָל געטאָן זיי?..

און זאָג: מײַנע בלוטן,
די זינגענדע בלוטן,
זיי בעטן צו ערד זיך אַזוי?...

עס האָט מיך פאַזוונגען,
פארשאָלט און פארשלונגען,
איך האָב קיינמאָל געקלונגען אַזוי...

*

אַף פּוילנס ערד, אַף פּוילנס ערד,
ווי בערג, שוין אונזערע פּיינען...
נאָר קילט ניט האַרץ, נאָר קילט ניט טריט,
און בלײַבט ניט, ווי מיר זיינען...

דעם פערד רוימט איַין, דעם פריינט זאָגט אָן,
אַז אַלע וועגן שײַנען
אַף פּוילנס ערד, אַף פּוילנס ערד,
וואו מיר צעשיטן פּיינען...

# אינהאַלט:


און איך בין דערבײַ . . . . . 3

## קריגס-געטראַנק:

פראָנט . . . . . 7
אין נאַכט, חען טויזנטער קלאַמירן . . 9
מײַן פײַנט . . . . 10
א קריגס-געטראַנק דײַן טרויער איז . . 11

## אַרכאַנגעלסק:

מיט איין א מענטש . . . . 15
מיר—אַכצנטע דיוויזיע . . . 18
דרײַ וואָכנלאַנג . . . . 21
אונז איינער . . . . . 23

## חאָרן-שאַל:

חאָרניסט . . . . . . 27
אין חאָנ . . . . . 28
מיר פאָרן אין צוגן . . . 29
זאָג, פרײַנט: מײַנע אויגן . . . 30
אויף פוילנס ערד . . . . 31